בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת עקב תשע"ז | שבת מברכין | גליון 373 [שנה ח']

**סוף וועלן אלע תשובה טאן**

וְהָיָה | עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְשָׁמַר ה' אֱלֹהֶיךָ לְךָ אֶת־הַבְּרִית וְאֶת־הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ: (ז יב) דעם ווארט עֵקֶב מיינט צום סוף, פאר ביאת המשיח, וועס יעדער איד וועט מוזן תשובה טאן כדי משיח זאל קענען קומען, דאס מיינט וְהָיָה | עֵקֶב, דער סוף פאר משיח, וועט דאך זיין אז, תִּשְׁמְעוּן, אידן וועלן מוזן צוהערן און טאן די מצוות, אויב אזוי פרעגט דער אויבערשטער: וּשְׁמַרְתֶּם? פארוואס דארפט איר ווארטן צו טאן די מצוות? [מלשון וְאָבִיו "שָׁמַר" אֶת הַדָּבָר (בראשית לז יא) וואס שָׁמַר מיינט געווארט] בעסער איז אז וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, איר זאלט שוין טאן און היטן די אלע מצוות, וועט זיין אז די גאולה וועט קומען גלייך במהרה בימינו. (אוהב ישראל – אפטא)

**פארוואס שטייט נישט חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים**

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וגו' וַאֲהֵבְךָ וּבֵרַכְךָ וְהִרְבֶּךָ וגו'. (ז יב–יג) פרעגן די מפרשים וואס איז די סמיכות פון פרשת עקב צו פרשת ואתחנן? אויך איז שווער פארוואס שטייט אין פסוק נאר אֵת "הַמִּשְׁפָּטִים" און נישט אֵת "הַחֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים" אזוי ווי עס שטייט (דברים ד ח) וּמִי גּוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר־לוֹ "חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים" צַדִּיקִם כְּכֹל הַתּוֹרָה הַזֹּאת? נאך פרעגן אלע וואס די גמ' (קידושין דף לט.) זאגט שכר בהאי עלמא ליכא ווייל שטייט ענדע ואתחנן הַיּוֹם לַעֲשׂוֹתָם, דרשענט די גמ' (עו"ז דף ג:) הַיּוֹם לַעֲשׂוֹתָם למחר לקבל שכר, און דא זאגט צו דער אויבערשטער שכר אויף די מצוות אין די וועלט? נאר עס שטייט אין מס' (פאה פ"א מ"א) אויף ברענגען שלום בין איש לרעהו איז אוכל פירותיהן, די שכר בעולם הזה, און דער ווארט משפט מיינט ענינים פון בין אדם לחבירו אזוי ווי עס שטייט (דברים א טז) שָׁמֹעַ בֵּין־אֲחֵיכֶם וּשְׁפַטְתֶּם צֶדֶק בֵּין־אִישׁ וּבֵין־אָחִיו וּבֵין גֵּרוֹ: און חז"ל (סנהדרין דף ז:) לערנט פון דעם פסוק אז דורך משפט וועט זיין שלום. ממילא קען זיין פשט אין פסוק ווייל די סמיכות פון ענדע ואתחנן רעדט וועגן שכר בהאי עלמא ליכא, אבער אויב תִּשְׁמְעוּן אֵת "הַמִּשְׁפָּטִים" הָאֵלֶּה, וואס מִשְׁפָּטִים מיינט ענינים פון בין אדם לחבירו, אויף דער איז דא שכר בהאי עלמא און דעריבער וועט זיין וּבֵרַכְךָ וְהִרְבֶּךָ וּבֵרַךְ פְּרִי־בִטְנְךָ וּפְרִי־אַדְמָתֶךָ וגו'. איז שוין גוא די סמיכות הפרשיות וועגן שכר בהאי עלמא און אויך פארוואס שטייט נאר "הַמִּשְׁפָּטִים" וועגן שלום איש לרעהו וואס אויף דעם איז דא גוטע שכר אויף די וועלט און עולם הבא. (אוהל ברוך –הה"צ ר' ברוך גרינפעלד תלמיד ערוגת הבושם)

**לערנען תורה אויפן קול**

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם: (ז יב) מפרשים פרעגן פארוואס דארף בכלל שטיין דעם אנפאנג פון פסוק וְהָיָה עֵקֶב, עס וואלט געקענט נאר שטיין וְהָיָה אִם תִּשְׁמְרוּ הַמִּשְׁפָּטִים וועט זיין די אלע ברכות? נאר עס שטייט אין ספר אוהל יצחק [להמקובל ר' יוסף חסון זצ"ל מחכמי ירושלים לפני מאה שנה] א שיינע מהלך אין פסוק ווייל עס איז ידוע (מדרש בראשית פמ"ב) אֵין וְהָיָה אלא לשון שִׂמְחָה. און די גמ' (עירובין דף נג.) דרשענט דעם פסוק (משלי כב יח) כִּי־נָעִים כִּי־תִשְׁמְרֵם בְּבִטְנֶךָ יִכֹּנוּ יַחְדָּו עַל־שְׂפָתֶיךָ: כִּי־נָעִים: ווען איז די תורה זיס פאר דיר? כִּי־תִשְׁמְרֵם בְּבִטְנֶךָ, ווען עס בלייבט ביי דיר און מען געדענקט וואס מען לערנט, און ווי אזוי בלייבט די תורה אין דיר? יִכֹּנוּ יַחְדָּו עַל־שְׂפָתֶיךָ, ווען מען רעדט ארויס פון מויל וואס מען לערנט, עַל־שְׂפָתֶיךָ, אויף דיינע ליפן, ר' זירא לערנט דאס פון (משלי טו כג) שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב. ווען איז א מענטש בשמחה? ווען ער רעדט ארויס זיין לערנען מיטן מויל וכו' ע"כ. דאס קען זיין פשט אין פסוק וְהָיָה, מיינט שמחה, ווען איז דאס? ווען עֵקֶב "תִּשְׁמְעוּן" אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּהת וועסט לאזן ארויס הערן די משפטים, דאס מיינט די תורה, און נישט לערנען שטילערהייט אדער טראכטן, ממילא וועט זיין ביי דיר א שמחה, ווייל וּשְׁמַרְתֶּם, ווי עס שטייט כִּי־תִשְׁמְרֵם בְּבִטְנֶךָ, די תורה וועט בלייבן ביי דיר און פארוואס ווייל שִׂמְחָה לָאִישׁ, ווען מען לערנט תורה, בְּמַעֲנֵה פִּיו. ממילא איז שוין גוט דעם אנהייב פון פסוק פון עֵקֶב "תִּשְׁמְעוּן" וואס קומט צו זאגן ארויס רעדן דיין לערנען. (אוהל יצחק –חסון)

**בשעת טאן א עבירה טוט א איד תשובה**

מַמְרִים הֱיִיתֶם עִם ה': (ט' ז') דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין עִם ה', עס וואלט געקענט נאר שטיין מַמְרִים הֱיִיתֶם, נאר די גמ' (יומא ל"ו:) ברענגט "אמר משה לפני הקב"ה בשעה שישראל חוטאין ועושים תשובה עשה להם זדונות כשגגות" עכ"ל. דאס מיינט אז ווען דער יצר איז מתגבר און א איד טוט א עבירה חלילה, בשעת די עבירה קלאפט אים דאס הארץ ווייל ער ווייסט אז עס וועט זיין ביטער פאר אים ווייל ער לאזט אפ דעם אויבערשטן און טוט דעמאלטס אויך תשובה, דאס מיינט די גמ' בשעה שישראל חוטאין בשעת זיי זינדיגן, טוהען זיי אויך תשובה. און אזוי שטייט אין ספר לקוטי חבר בן חיים פון הגאון ר' פיוויל פלויט (ח"ד דף ט"ו) בשם הרמ"ע מפאנו אין עשרה מאמרות, און ער איז מפרש לויט דעם די פסוק: (במדבר כג כא) לֹא־הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב , אפילו בשעת מען טוט א אָוֶן, א עבירה, פונדעסטוועגן איז ה' אֱלֹהָיו עִמּוֹ, און טראכט אויך פון אויבערשטן און ער טוט תשובה. אויך שטייט אין הייליגן ספר ראשית חכמה (שער היראה פ"ז) וז"ל ואין לך רשע שלא יבואו לו הירהור תשובה קודם שעושה העבירה אלא שיצרו מפתהו ואח"כ מתחרט, דאס מיינט חז"ל רשעים מלאים חרטות עכ"ל. זעהט מען אז דער חוטא טראכט אויך פון תשובה טאן, דאס האט משה רבינו ממליץ געווען אויף די אידן מַמְרִים הֱיִיתֶם, פונדעסטוועגן האט איר געטראכט עִם ה', פון אויבערשטן און געטאן תשובה, אזוי ווי לֹא־הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב, ווייל ה' אֱלֹהָיו עִמּוֹ, דעמאלטס טראכט מען אויך אז ה' אֱלֹהָיו. (בית פינחס– הורוויץ)

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן: זאגט רש"י עקב מיינט די מצוות וואס א מענטש טרעט אויף זיי מיט זיין פאדעשווע, זוילן, אין ספר נועם שיח (הגה"ק מהאדאס זצ"ל) שטייט: ער האט אמאל געטראפן הגה"ק ר' יונתן שטייף זצ"ל וואס פרעגט פון וואו קומט ער? האט ער געענטפערט פון א ביקור חולים. האט אים ר' יונתן געבעטן דעם נאמען פון חולה און האט געזאגט דער עיקר מצוה פון ביקור חולים איז מתפלל זיין פארן חולה. ער האט אים געלערנט אז די מדה פון מענטשליכקייט פון ביקור חולים איז אויך מתפלל צו זיין פארן חולה, אויך ווען ער פלעגט אריינקומען צום טיש פון הגה"ק דברי יואל מסאטמאר זצוק"ל פלעגט ער זאגן הויך "גוט שבת", און ווען דער רבי האט געגעסן האט ער געזאגט "זאל זיין מיט אפעטיט" און דער רבי זיע"א פלעגט שמייכלען! און נאכן באקומען שיריים האט ער געזאגט "דאנקע שיין". אפילו מען באקומט שיריים דארף מען אויך זאגן א דאנק! איך האב געהערט פון הרה"צ ר' אלי' ראטה זצוק"ל, אז משמח חתן וכלה מיינט נישט נאר פרייליך מאכן חתן וכלה נאר עס מיינט שטיין און בעטן פאר זיי אז אלעס גוט'ס זאל זיין ביי די נייע פאר פאלק. אדמו"ר ר' יוחנן מסטאלין זצוק"ל פלעגט זאגן "זייט מענטשן וועט איר זיין חסידים", מיט מענטשליכקייט וועט מען האבן אלע ברכות פון די פסוקים (שמח זבולון).

## מדור העובדות

## הסה"ק ר' ישכר בער בן ר' יצחק מראדישיץ היילט אויס א קינד מיט שמירן שמן

הרה"ק ר' ישכר דוב בער בן ר' יצחק און מרת מרים איז געווען א צדיק וואס האט געוויזן וואונדערליכע מופתים בחייו און עס איז געווארן א שטארקן קשר צו אים אז מען פארט צו זיין הייליגן ציון און מען ווערט געהאלפן, און פון אנצינדן א ליכט און דערמאנען זיין הייליגן נאמען זעט מען ישועות, וועט מען דא ברענגען א סיפור פון אים, און דעם זכות פון דערמאנען זיין הייליגע מעשים זאל מגין זיין אויף אונז. ר' נטע וולאדאווער, איז געווען איינער פון די חסידים פון הרה"ק ר' יעקב יצחק דער חוזה מלובלין זצוק"ל - ער פלעגט אויך אסאך טרינקען און פרייליך מאכן דעם רבין און די חסידים ביים טיש פון הייליגן חוזה, און מען פלעגט אים רופן נטע שיכור - ווען דער רבי מלובלין זי"ע איז נפטר געווארן איז ער נישט געפארן צו קיין שום צדיק ווייל עס איז אים געווען שווער צו געפונען נאך אזא צדיק ווי דער חוזה מלובלין! איינמאל איז דער זון פון ר' נטע געווארן פאַראַלאַזירט ר"ל און פארלוירן זיין דיבור! ער איז געגאנגען צו דאקטורים וואס האבן אים געגעבן פארשידענע רפואות אבער עס האט גארנישט געהאלפן. האט ער זיך דערמאנט וואס ער האט געהערט פון זיין רבי פון לובלין: "אז א געטרייער חבר קען העלפן אזוי ווי זיין רבין", און ר' נטע דערמאנט זיך אז ער האט געטרייער חבר, וואס וואוינט אין שטאט **אָזאָרוֹב**, ר' לייבוש ר' אהרן'ס, איז ער גלייך אהין געפארן מיט זיין זון און ער האט אים דערציילט וואס האט פאסירט מיט זיין זון און אז די דאקטורים האבן נישט געטראפן קיין שום רפואה פאר אים. האט ר' לייבוש געזאגט אז איך קען דיר נישט העלפן אבער איך קען דיר זאגן א פלאץ וואו דו זאלסט גיין און דארט וועסטו געהאלפן ווערן סיי בגשמיות און סיי ברוחניות. ער איז הרה"צ ר' ישכר דוב בער פון ראדישיץ, און ער איז געפארן צו ר' ישכר דוב בער, ווען ער איז אוועק געפארן פון **אָזאָרוֹב**, האט זיך אפגעשעטעלט די פערד אינמיטן וועג ווייל עס האט זיך צובראכן די אַקסל פון וואגן, האט ער פאראכטן די אַקסל און מען איז געפארן ווייטער, און יעדן שטיקל וועג האט זיך עפעס אנדערשט צובראכן פון וואגן, האט ער געטראכט אז דאס איז א סימן מן השמים אז ער זאל נישט פאהרן, און ער האט זיך געוואלט צוריק קערן, אבער ער האט געזען אידן וואס פאהרן האט ער זיי געבעטן אז ער וויל מיט זיי מיט פארן, און אזוי איז ער אנגעקומען קיין ראדושיץ.

ר' נטע איז גלייך אריין צום רבין'ס הויז, האט ער געטראכט אז ער וועט גלייך אריינגיין האט ער אבער געזען דארט אסאך מענטשן וואס ווארטן דארט פאר אים שוין אפאר וואכן און עס ווערט אים שלעכט אויפן הארץ טראכטענדיג נאך אזא שווערע וועג און ער האט מיט זיך זיין קראנקער זון!! און אזוי טראכטענדיג הערט ער ווי מען רופט אוים זיין נאמען, און ער האט זיך זייער געפרייט, ווען ער איז אריין געגאנגען האט אים דער רבי געזאגט: נטע שיכור! זאלסט טרינקען ברוינפן! האט ער געזאגט אוודאי! אז ער גייט שוין טרינקען! זאגט אים דער רבי גוט! און פאר ער האט צייט צו דערציילן פארן רבין פארוואס ער איז געקומען, האט אים דער רבי אנגעהויבן צו דערציילן אז ווען דער הייליגע מגיד פון מעזריטש זיע"א איז קראנק געווארן אויף זיינע פיס און די דאקטורים האבן נישט געטראפן א רפואה האט דער הייליגער בעש"ט אים געפרעגט? צו ער וויל זיך היילן מיט סגולות אדער מיט תפילה? האט ער געענטפערט אז תפילה קען ער אליין, אבער סגולות קען ער נישט! און דער בעש"ט האט אים געגעבן א סגולה. האט דער הייליגע ראדישיצער געפרעגט די זעלבע זאך פון ר' נטע, צו ער וויל זיך היילן מיט סגולות אדער מיט תפילה?

האט ר' נטע געענטפערט ביי אים איז עס נישט קיין חילוק מיט וואס אבי א ישועה! האט דער רבי געהייסן מען זאל אריין ברענגען דעם קראנקן קינד, און דער רבי האט ארויף געלייגט זיין האנט אויפן קינד און האט געהייסן מען זאל ברענגען שמן- אויל און ער האט אנגעשמירט אויף זיין קאפ מיט א ביסל אויל, און דער קינד האט אנגעהויבן צו פילן אביסל בעסער, דער רבי האט געזאגט מען זאל אהיים נעמען די פלאש און מען זאל אנשמירן די אויל ביז עס וועט זיך ענדיגן, און מען זאל לייגן דעם פלייש אונטערן קישן פון קינד, און אזוי וועט ער ווערן אינגאנצען אויסגעהיילט!און דער רבי האט אים אויך שטארק אנגעווארנט אז מען זאל היטן די אויל אז קיינער זאל גארנישט נעמען פון דעם, און אויך האט ער שטרענג אנגעזאגט אז ביינאכט זאל מען אכטונג געבן אז די פענסטער און די טירן זאל זיין שטארק פארמאכט, און אפילו איינער וועט קלאפן און בעטן מיט רחמנות אים אריינלאזן זאל מען נישט עפענען די טיר!

איין נאכט קלאפט מען אין טיר מיט א געשריי ראטעוועטס! לאז מיר אריין איך דארף א ביסל עסן און זיך אנווארעמען! און די ווייב האט באקומען א רחמנות געפיל אויף דעם מענטש און געוואלט גיין עפענען די טיר! אבער ווען איר מאן און איר קינד האבן געזען ווי זי וויל גיין עפענען די טיר האבן זיי געשריגן, ניין!! דער רבי האט געזאגט נישט עפענען פאר קיינעם נישט! אזוי איז געשען עטליכע נעכט, דער זעלבע מענטש קלאפט נאכאמאל, און מען לאזט אים נישט אריין, און ווען עס האט זיך געענדיגט די אויל פון פלאש איז דער קינד געווארן אינגאנצען אויסגעהיילט פון זיין פאראלאזירט און געקענט צוריק רעדן! און דער מענטש האט שוין נישט געקומען קלאפן אויפן טיר! ר' נטע איז געפארן צום הייליגע ראדישיצער און האט דעציילט אז דער קינד איז ב"ה אינגאנצן געזונט געווארן און אויך די גאנצע מעשה אז מען האט נישט געעפענט די טיר, האט אים דער הייליגע ראדישיצער געזאגט: ווען דו וואלסט געעפענעט די טיר וואלטן די מזיקים געשעדיגט דיין גאנצע משפחה! האסט קלוג געטאן און ב"ה דיין זון איז געזונט געווארן. ר' נטע האט שוין געטראפן דעם צדיק וואס ער זאל פארן צו אים און עס איז נתקיים געווארן וואס זיין גוטן ידיד ר' לייבוש האט אים געזאגט אז ביי דער ראדושיצער קענסטו געהאלפן ווערן סיי ברוחניות וואס ער האט געטראפן א צדיק און סיי בגשמיות באקומען א רפואה פאר זיין זון זיע"א. (נפלאות הסב"ק)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן* *פינקס צדקה כתב יד פון הגאון ר' הענקין שנת תרפ"ד ברענגט אלע אדמורי"ם און גדולי הראשי ישיבות וויפיל זיי באקומען און ווענן וואס זיי דארפן געלט, חפץ חיים, בריסק, ר' אלחנן, גוע אדמור"י צאנז, ר' חנה, ראצפערט, שינאווע, און נאך און נאך $6500, תהלים פון הרה"ק ר' שלום שניצלער מטשאבא $1000 ספר לחם שמים יעב"ץ דפוס ראשון (ווערט $2500) און פרשת דרכים מיט איבער 100 הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חת"ם סופר און מחבר שו"ת מהר"ם יפה און נאך בידע פאר $8500, סעט מליצי אש $300, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יעיר אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000 סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות בן מאיר נתיבים געווען ביים בעש"ט $45000 סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומאראנטן $1000, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו* ר' אברהם די זוויהעלע רבי"ם זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500., **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, ספר אוצר הרבנים 200$ תשובה בכתב יד הגה"ק ר' יעקב עמדין וחזרת התשובה מהר' משה חאגיז
**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-**
מען קען באקומען דעם **pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***
גליון אין די קונטרס גליונות לשבת